**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ערשטע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד אויסטיילונג פון 10 מיליאן דאלער צו פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג**

***LIIF פינאנצירונג פלוס נאך סטעיט איוועסטירונג פארטרעט 40 מיליאן דאלער צו פארברייטערן לעבנס-וויסנשאפט עקאנאמיע אויף לאנג איילענד***

***אינאיינעמדיגע 60,000 סק. פיס פון טראספארמירטע פלאץ שטיצט מעדיצינישע און אנשטעקיגע קרענק פארשונג***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דעם 350 מיליאן דאלערדיגע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד האט אויסגעטיילט איר ערשטע גרענט צו די פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג אויף צו בויען 40,000 סקוועטר פיס נייע סטעיט-אָוו-דע-אַרט לאבאראטאריעס אויף צו שטיצן מעדיצינישע און אנגשטעקיגע קרענק פארשונג. דער 10 מיליאן דאלערדיגע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד גרענט איז א הוספה צו נאך 30 מיליאן דאלער אין סטעיט שטיצע שוין פון פריער געשאנקען די פיינשטיין אינסטיטוטן אויף צו מאדערניזירן 20,000 סקוועטר פיס פון איר אינסטיטוט פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין, וואס גאווערנער האוקול האט היינט אויפגעעפנט. ניו יארק סטעיט׳ס הילף איז טייל פון א 85 מיליאן דאלערדיגע מאדערניזאציע באמיאונג ביי די פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג אין מאנהאסעט, נעסאוי קאונטי, און א ברייטערע אונטערנעמונג ארויסצוהייבן די אויפשטייגנדע לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע אויף לאנג איילענד. די פיינשטיין אינסטיטוטן זענען דער פארשונג אפטיילונג פון נארטוועל העלט און איז איינע פון די פירנדע לאבאראטאריע און פארשונג צענטערס אין דעם לאנד, אויספירנדיגע טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע שטודיעס וועלכע זוכן צו היילן קרענק.

״ניו יארק פירט דעם וועג אין מעדיצינישע אינאוואציע,און די לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד וועט שטיצן לעבנס-רעטנדע פארשונג אויף די סאמע פארגעשריטנסטע אין די לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אונזער אינוועסטירונג אין דעם אינסטיטוט פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין פארבעסערט שוין די לעבנס פון טאג-טעגליכע ניו יארקער, און די צוגעגעבענע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד אויסטיילונג היינט געמאלדן טוט ווידער-פעסטשטעלן אונזער אנטשלאסנקייט צו בלייבן א נאציאנאלע פירער אין די געזונטהייט און מעדיצינישע פארשונג געביטן. איך בין שטאלץ צו שטיצן די פיינשטיין אינסטיטוטן און זייער פארשונג, וואס וועט פירן צו לעבנס-ענדערנדע מעדיצין און באהאדלונגען וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון ניו יארקער אויף לאנג איילענד און לענגאויס דעם סטעיט.״

אריינגערעכנט אלס טייל פון גאווערנער האוקול׳ס פינאנץ-יאר 2023 דורכגעפירטער בודזשעט, טוט דער לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד פאקוסירן אויף פראיעקטן וועלכע וועלן שטיצן און מאכן וואקסן דער ראיאנישער עקאנאמיע, שטערקער מאכן קאמיוניטיס, און האבן א קיום׳דיגע עקאנאמישע אימפאקט

לענגאוויס לאנג איילענד. דער פאָנד׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אויסטיילונג צו די פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג וועט שטיצן די רענאוואציע און קאנסטרוקציע פון 26 נייע סטעיט-אָוו-דע-אַרט פארשונג לאבאראטאריעס אויף צוויי שטאקן ווי אויך דאס אויפנעמען 10 הויפט אויספארשער און 60 פארשונג איינגעשטעלטע. די מאדערניזירטע לאבאראטאריעס וועלן פאראויס-פירן פארשונג באמיאונגען צו אנטוויקלען ניי-געשאפענע טעראַפּיס פאר קענסער, דייעביטיס, גראבקייט, לופוס און אנדערע אומשטענדן.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״דער לאנג איילענד אינוועסטירונג פאָנד פארטרעט א סטראטעגישע אינוועסטירונג צו ווייטער פארבעסערן דעם ראיאן אלס א מאכטפולע רעסארס פאר דער לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע, וואס איז א וויכטיגע טרייבער פון ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע. די פיינשטיין אינסטיטוטן שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין לעבנס-ענדערנדע מעדיצינישע ערפונדונגען און טעראַפּיוּטיקס וועלכע קענען פארבעסערן אונזערע טאג-טעגליכע לעבנס. ESD שטאלצירט זיך צו שטיצן די וואוקס פון וויזיאנערישע לעבנס-וויסנשאפט קאמפאניס ווי די פיינשטיין אינסטיטוטן, וועמענס ארבעט איז קריטיש-וויכטיג צו בויען א געזונטערע און שטערקערע עמפייער סטעיט.״

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ באורד פארזיצער קעווין לאו האט געזאגט,** ״אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, מאכט ניו יארק קלוגע אינוועסטירונגען אויף אונטערצוטרייבן עקאנאמישע אויפשטייג אויף לאנג איילענד. דער לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד וועט העלפן דעם ראיאן בליען און שטערקער מאכן ניו יארק׳ס פירערשאפט אין דער אלוועלטליכער אינאוואציע עקאנאמיע. דער פאנד׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אויסטיילונג צו די פיינשטיין אינסטיטוטן טוט ווידער-פעסטשטעלן אונזער אנטשלאסנקייט צו די אויפשטייגנדע לעבנס-וויסנשאפט עקא-סיסטעם וואס וועט שטיצן דאס פאראויס-ציען מעדיצינישע ערפונדונגען וועלכע וועלן אינגאנצן ענדערן אומשטענדן.״

די פיינשטיין אינסטיטוטן איז די אלוועלטליכע וויסנשאפטליכע היים פאר בייאו-עלעקטראנישע מעדעצינען, א שטייגנדע וויסנשאפטליכע געביט וואס ניצט טעכאלאגיע צו לייענען און מאדיולירן עלעקטרישע אקטיוויטעט אינדערינען פון דעם קערפער׳ס נערוון סיסטעם. די נייע, מאדערניזירטע לאבאראטאריע ביים אינסטיטוט פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין וועלן שטיצן ערפונדונגען צו געפונען היילונגס-מיטלען וועלכע רעדוצירן דאס דארפן נעמען דראגס, רעדוצירן די ווייטאגליכע זייטיגע ווירקונגען, און צוריקגעבן חיות פאר ליידנדע. אנהייב-פאזע ערפונדונגען זענען אויפגעשטיגן פון אירע לאבאראטאריעס, עפענענדיג נייע באהאנדלונגס אפציעס פאר פאציענטן מיט קרענק ווי רהומעטויד ארטרייטיס, דייעביטיס, פאראליז און אפילו קענסער. קלינישע שטודיעס אין בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין האבן שוין ארויסגעגעבן רעזולטאטן מיט די וועלכע זענען פאראליזירט: לעצטערע פארשונג וואס ניצט אויס אן איבער-די-הויט רונקביין-מארך סטימולאציע לאטע האט ערמעגליכט פאר אנטיילנעמער צוריקצובאקומען זייער פעאיגקייט זיך צו באוועגן און שפירן.

דער אינסטיטוט פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין׳ס רענאוואציע רעכנט אריין פייכטע-לאבאראטאריע ארבעטס-ברעט ארט, מערערע לייב-געוועב פראבקע צימערן, קאלטע סטאָרעדזש צימערן, ארבעט סטאנציעס פאר פארשער, און א שפאגל-נייע בייאו-זיכערהייט שטאפל 3 איינריכטונג צו ערמעגליכן נייע פארשונג אין אנשטעקיגע קרענק און אנדערע קאמפליצירטע ווירוסן, ווי צ.ב.ש. קאָוויד-19. די פארברייטערונג שטיצט אויך דאס אויפנעמען 13 נייע הויפט שותפים און 100 נייע פארשונג ארבעטער.

**די פיינשטיין אינסטיטוטן פרעזידענט און CEO דר. קעווין טרעיסי האט געזאגט,** ״ביי די פיינשטיין אינסטיטוטן, ווערט געמאכט וויסנשאפטליכע פארשונג יעדן טאג. מיט די פאסיגע איינריכטונגען און געצייג, קענען מיר העלפן פאראויס-ציען יענע פארשריט נאך ווייטער. מיר זענען דאנקבאר דער גאווערנער און ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ פאר זייער פאנדינג פון אונזער נייער ארט, און מיר קוקן

ארויס מיט חשק צו אונזערע ווייטערדיגע דורכברוכיגע מעדיצינישע פארשונג וואס וועט זיין א טובה לאנג איילענד קאמיוניטיס און ווייטער ארום.״

**׳נארטוועל העלט׳ס׳ פרעזידענט און CEO מייקל דאולינג האט געזאגט,** ״די נייע איינריכטונג און אירע רעסאָרסן, ערמעגליכט דורך גאווערנער האוקול און דער ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳, וועט ערמעגליכן פאר אונזערע פארשער ביי די פיינשטיין אינסטיטוטן — ׳נארטוועל׳ס׳ היים פאר פארשונג און די אלוועלטליכע וויסנשאפטליכע היים פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין — ווייטער צו פירן זייער מיסיע פון ערפונדן נייע באהאדלונגען צו היילן קרענק און פארבעסערן די געזונט פון די קאמיוניטיס וואס מיר סערווירן.״

לאנג איילענד איז ביים סאמע פארנט פון די לעבנס וויסנשאפטליכע אינדוסטריע אזוי ווי נייע פארשונג און ערפונדונגען אין בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין — א נייע וויסנשאפטליכע פעלד געבוירן און געהאדעוועט אויף לאנג איילענד — וועט צוציען די בעסטע און מערסט טאלאנפולע פארשער און וועלט-פירנדע סטראטעגישע צוזאמארבעטער צו שאפן די הייזונגס-מיטלען וואס קענען טראנספארמירן לעבנס. די לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע איז געווארן א מעכטיגע מאטאר פון עקאנאמישע אויפשטייג און אינאוואציע פאר ניו יארק, מאכנדיג הויפט ראיאנען אין דעם סטעיט אויף דינאמישע לעבנס-וויסנשאפט צענטערן. אינוועסטירן אין לעבנס-וויסנשאפט איז קריטיש וויכטיג אויף צו אידענטיפיצירן דעם נעקסטן וויסנשאפטליכן דורכברוך וואס וועט אנטוויקלען נייע לעבנס-רעטנדע טעכנאלאגיעס. דורך איר שטיצע פון די פיינשטיין אינסטיטוטן׳ס וואוקס, טוט ניו יארק פארברייטערן איר פעאיגקייט צו קאמערציעליזירן פארשונג און טרייבן די אויפשטייג פון א וועלט-בארימטע לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע אויף לאנג איילענד און לענגאויס דעם סטעיט.

**לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונגס קאונסיל מיט-פארזיצערינס לינדע ארמין, הויפט סטראטעגיע און מארקעטיג באאמטער ביי בעטהפעידזש פעדעראלע קרעדיט יוניאן און דר. דזשאן נעידער, פרעזידענט פון פארמינגדעיל סטעיט קאלעדזש, האבן געזאגט,** ״ניו יארק׳ס אינוועסטירונג אין די פארברייטערונג פון די לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע אויף לאנג איילענד צייגט גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו שטיצן קריטיש-וויכטיגע וויסנשאפטליכע פארשונג וואס העלפט געווענליכע ניו יארקער. מיט דער ערשטער אויסטיילונג אונטער דעם לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד, שטאלצירט זיך דער LIREDC צו שטיצן די פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג און זייערע טעכנאלאגיש-פארגעשריטענע באהאנדלונגען און לייזונגס-מיטלען געצילט אויף צו פארבעסערן און ראטעווען לעבנס.״

**סטעיט סענאטארקע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** ״אדאנק די שכל׳דיגע אינוועסטירונגען דורכ׳ן סטעיט ניו יארק אין צוזאמענארבעט מיט דעם פריוואטן סעקטאר, טוט לאנג איילענד׳ס לעבנס-וויסנשאפט אינדוסטריע וואקסן און בליען, ברענגנדיג גאר גוטע דזשאָבס צו אונזער קאמיוניטי, און טרייבן אינאוואציע וואס וועט מאכן אונזער וועלט א בעסערע פלאץ. איך האב געקעמפט פאר דעם לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד צו ווערן אריינגערעכנט אין דעם היי-יעריגן סטעיט בודזשעט, וויבאלד מיר דארפן פארזעצן ווייטער צו מאכן שכל׳דיגע אינוועסטירונגען אין אונזער קאמיוניטי וואס בויט אויף אונזערע פילע שטארקייטן און מאכן אונזער ראיאן מער צוציענד פאר פריוואטע אינוועסטירער און דזשאָב שאפער אויף זיך אוועקצושטעלן און פארברייטערן זייערע ארטיגע אפעראציעס. עס פריידט מיך שטארק אז, אדאנק דעם פאנד, וועט דער וועלט-בארימטער פיינשטיין אינסטיטוט פאר מעדיצינישע פארשונג אט דאהי אין מאנהאסעט קענען מאדערניזירן זייער אינסטיטוט פון בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין וואס טוט אויסערגעווענליכע ארבעט צו היילן קרענק און ברענגען ענדערונגען אין דער וועלט.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשינע על. סיליטי האט געזאגט,** ״די פיינשטיין אינסטיטוטן פאר מעדיצינישע פארשונג׳ס צענטער פאר בייאו-עלעקטראנישע מעדיצין איז וועלט-בארימט פאר אירע ביישטייערונגען צו

דער מעדיצינישער קאמיוניטי און פאר׳ן פירן דעם געביט אין איר צוגאנג צו וויאזוי מיר טוען ווייטער באהאנדלען פאציענטן. איך דאנק גאווערנער האוקול פאר נישט בלויז שטיצן דער באדייטנדער אינוועסטירונג אין אונזער קאמיוניטי נאר אויך פאר העלפן זיכער מאכן אז לאנג איילענד איז ווייטער א פירער אין דער מעדיצינישער אינדוסטריע.״

**<u>אינוועסטירן אינעם צוקונפט פון לאנג איילענד</u>**

דער 10-מיליאן דאלערדיגע לאנג איילענד אינוועסטירונג פאנד גרעגנט היינט אויסגעמאלדן איז א הוספה צו היסטארישע אונטערנעמונגען און אינוועסטירונגען פאר לאנג איילענד:

- 157 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג — איבערפלאסטערן 300 לעין מייל פון סטעיט הייוועיס ביז היינט.
- איבער 457 מיליאן דאלער פאר שולע הילף — א 12.7 פראצענטיגער העכערונג אין פארגלייך צו פינאנץ-יאר 2022.
- 63 מיליאן דאלער פאר עדיקשען באהאדלונג, ערהוילונג און פארמיידונג סערוויסעס.
- דער היים אייגנטימער שטייער ריבעיט קרעדיט, מיט א דורכשניטליכע בענעפיט פון 1,300 דאלער פאר 494,000 לאנג איילענד היים אייגנטימער.
- 500מיליאן דאלער אויף אויסצוארבעטן ניו יארק׳ס ים-ווינט ענערגיע אינפראסטרוקטור און סופליי-טשעין — ענדגילטיג שאפן איבער 2,000 גרינע דזשאבס.
- דאס פארענדיגן לאנג איילענד רעיל-ראוד׳ס היסטארישן דריטער טרעק פראיעקט, צו ערמעגליכן פאר באנען צו פארן אפטער און שאפן א מער גלאטיגע רייד פאר LIRR קאָמיוטערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418